בס״ד

# עונג שבת

## פרשת נצבים-וילך תשס״ו

**גוט שבת אלע אידן.** באלד נאך די ערשטע וועלט מלחמה האט די רעגירונג פון א שטעטל אין פוילן באשלאסן צו בויען א גרויסע גאס אינמיטן שטעטל. לויטן פלאן וואלט אויסגעקומען אז די גאס וועט מוזען אדורך שניידן דעם אלטן אידישן בית החיים. די אידן פונעם שטעטל האבן נישט געהאט קיין עצה קעגען דעם פלאן פון די רעגירונג, און זיי האבן געדארפט מפנה זיין אסאך קברים און זיי באגראבן אינעם נייעם בית החיים.

ווען די חברה קדישא האט געהאלטן אינמיטן מפנה זיין די קברים, האבן זיי געטראפן זייער אן אויסטערלישע זאך. זיי האבן געטראפן א נפטר מיט דעם נאמען ר׳ נפתלי וואס איז באגראבן געווארן מיט די קליידער פון א גלח! און דער גוף איז געווען גאנץ און פריש ווי פון א מת וואס מען האט נאר יעצט באגראבן. אבער זיי האבן נישט געקענט פארשטיין אז אזא איינער וואס זיין גוף ווייזט אז ער איז פון די צדיקים וואס די ווערים זענען נישט שולט אויף אים און דא ליגט ער באגראבן מיט קליידער פון א גלח!

די חברא קדישא האט זיך גענומען אינטערעסירן און זיי האבן געזוכט און די אלטע פנקסים (ביכער) פון די קהילה אין יענעם שטעטל, אין זיי האבן געטראפן דארט די מורא׳דיגע מעשה פארוואס דער איד נפתלי איז באגראבן געווארן מיט די גלח׳אישע קליידער, און וויאזוי ער האט זיך ארויף געארבעט צו די מדריגה פון א צדיק.

דער מעשה איז געווען אזוי: ר׳ נפתלי איז געווען דער גבאי צדקה אינעם שטעטל. ר׳ נפתלי איז נישט געווען סתם א גבאי, נאר, ער האט עס געטון מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבענקייט. איין טאג, איז ר׳ נפתלי אהיימגעקומען נאך א לאנגן טאג פון גיין נאך געלט פאר א וויכטיגע צוועק. און ער האט זיך אראפגעזעצט זיך דערפרישן מיט א ווארעמע גלעזל טיי, האט ער געהערט א קלאפ אויפ׳ן טיר. ער האט זיך אויפגעשטעלט און ער איז געגאנגען עפענען די טיר. און ער האט געטראפן שטיין ביים טיר א ארעמער איד. ״ביטע העלף מיר,״ האט ער געזאגט צו ר׳ נפתלי׳ן. ״איך בין לעצטענס אהערגעקומען וואוינען, און איך קען נאך נישט קיינעם דא. איך האב א גרויסע משפחה און איינע פון מיינע קינדער איז נעבאך נישט געזונט. אפשר קענט איר מיט העלפן פארשאפן נדבות פאר די צרכי רפואה. איר זענט דאך דער גבאי צדקה דא אין שטעטל...״

ר׳ נפתלי האט זייער רחמנות געהאט אויף דעם ארעמאן, אבער ער האט אים געענפערט: ״ווי קען איך יעצט גיין בעטן געלט פון די מענטשן דא אין שטעטל, היינט האב איך שוין גענומען געלט פון יעדען איינעם. זיי וועלן נישט וועלן געבן צוויי מאל אין איין טאג!״ אבער דער ארעמאן האט זיך זייער שטארק געבעטן אז ער זאל אים ארויסהעלפן אין זיין קלעם. ווען ר׳ נפתלי האט דערהערט אז דער איד מיט זיין משפחה האבן שוין לאנג נישט געגעסן א סעודה צו דער זעט, קוים וואס זיי האבן געהאט אויף טריקן ברויט, האט ר׳ נפתלי באשלאסן יא צו גיין נאך געלט צום צווייטן מאל פאר דעם איד. אזוי ווי ר׳ נפתלי האט זיך פארגעשטעלט, האבן די אידן אין שטעטל געקוקט אויף אים מיט בייזע אויגן. אבער, די אידן האבן געוואוסט אז ר׳ נפתלי איז ערליך און מיינט עס אויף אן אמת, וועגן דעם האבן די אידן יא געגעבן געלט צום צווייטן מאל. נאכן גיין נאך געלט א גוטע צוויי שעה, איז ר׳ נפתלי ענדליך אנגעקומען אהיים, אויסגעמוטשעט מיד און הונגעריג.

ער האט איבערגעגעבן די נדבות פארן ארעמאן און דער ארעמאן האט זיך זייער שטארק באדאנקט פאר ר׳ נפתלי׳ן און דערנאך איז ער אהיימגעגאנגען. א האלבע שעה שפעטער, איז נאך אן ארעמאן געקומען קלאפן אויף ר׳ נפתלי׳ס טיר. ר׳ נפתלי האט שוין נישט געוואוסט וואס צו טון, ווייל דער ארעמאן איז אויך געווען א צובראכנער איד, און ר׳ נפתלי׳ס הארץ האט אים נישט צוגעלאזט סתם אזוי אוועקצושיקן א צובראכענעם איד. דא האט ר׳ נפתלי נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געשפירט אז ער דארף גיין נאך געלט פאר דעם מענטש. אבער וואס האט ער געקענט טון? דריי מאל גיין נאך געלט אינעם זעלבען טאג!

זיצט זיך אזוי ר׳ נפתלי פארצווייפלט און טראכט פון ווי וועט ער קענען אים העלפן, אזוי טראכטענדיג האט ער זיך דערמאנט אז ס׳איז דא אין שטעטל איינער ווי ער איז נאך נישט געווען נאך געלט, וואס וואלט געקענט געבן גענוג געלט פאר דעם ארעמאן, אן דעם אז ער זאל דארפן ארומגיין נאכאמאל נאך געלט צו יעדען איינעם. דער מענטש איז געווען דער גרעסטער גביר אין שטעטל. פארוואס האט ר׳ נפתלי נישט געטראכט צו גיין בעטן געלט פון דעם מענטש פריער? ווייל דער מענטש איז געווען א פראסטער איד און ער האט נישט געוואלט געבן קיין געלט אויף קיין שום מצוה זאך. וועגן דעם, האט ר׳ נפתלי קיינמאל נישט געוואלט צוגיין בעטן געלט פון דעם מענטש.

אבער באין ברירה איז ר׳ נפתלי געגאנגען צו אים און האט אים געטראפן זיצענדיק טרינקען ברוינפען. ר׳ נפתלי איז צוגעגאנגען צום גביר און ער האט אים געבעטן א נדבה פון 20 רובל. זייענדיג היבש אנגעטרונקען האט דער איד זיך אנגערופן אז ער איז מסכים צו געבן די 20 רובל, בתנאי: ר׳ נפתלי דארף גיין שפאצירן אין די אידישע גאס אנגעטון מיט גלח׳ישע קליידער. ר׳ נפתלי האט זיך זייער געשעמט. אבער ער האט געשפירט דעם צער פונעם ארעמאן, און וויסענדיג אז אנדערש קען ער נישט העלפן דעם ארעמאן האט ער מסכים געווען צו דעם פלאן.

ר׳ נפתלי האט זיך אנגעטון די קליידער און איז געגאנגען אויפ׳ן גאס, עס איז געווען מנחה צייט און די אידן זעהנדיג אז א איד גייט ארום מיט גלח׳אישע קליידער האבן זיי אנגעהויבן צו שרייען אויף אים ״דו משומד גיי אוועק פון דא״ און זיי האבן געווארפן שטיינער אויף אים. דער פראסטאק האט אלעס מיטגעהאלטן פון דערווייטנס. ווען ר׳ נפתלי האט שוין געענדיגט דעם שפיל האט דער גביר געגעבן צו אים אפילו מער געלט ווי זיי האבן אפגעשמועסט, זאגענדיק אז פאר די אונטערהאלטונג קומט אים אזויפיל, ר׳ נפתלי האט אים געבעטן א טובה אז דער גביר זאל אים לאזן מיטנעמען די גלח׳אישע קליידער מיט וואס ער איז ארומגעגאנגען, און דער גביר האט עס אים טאקע געגעבן. ר׳ נפתלי האט אהין געגעבן דאס געלט פארן ארעמאן און דער ארעמאן האט זיך זייער דערפרייט אז ער האט מיט וואס צו קויפן עפעס עסן פאר זיין משפחה לכבוד שבת קודש. ר׳ נפתלי איז אהיימגעגאנגען מיד און צובראכן. צופרידען איז ער געווען אז ער האט געקענט טון אזא געוואלדיגע מצוה, אבער צובראכן איז ער אויך געווען אז ער האט געדארפט זיך שעמען צו באקומען דעם געלט. ער האט גענומען די גלח׳אישע קליידער, און ער האט עס באהאלטן און א ווינקל אינדערהיים.

א פאר חדשים שפעטער איז דער בעל ״דברי חיים״ דער סאנזער רב זצ״ל אנגעקומען אין יענעם שטעטל. ווען דער רב איז דורכגעגאנגען די גאס וואו ר׳ נפתלי האט געוואוינט, האט דער רב געזאגט פאר זיין גבאי אז ער שמעקט א ריח גן עדן פון יענעם הויז. דער גבאי האט אריין געקלאפט אין טיר, און ר׳ נפתלי זעהנדיג דער סאנזער רב האט ער אים אריינגערופן אין זיין הויז. דער רב האט געזאגט פאר ר׳ נפתלי אז ער שמעקט עפעס א ריח גן עדן פון דעם הויז. ר׳ נפתלי האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט. דער סאנזער רב האט אבער ארומגעשמעקט דעם שטוב ביז ער האט געטראפן די גלח׳אישע קליידער. דאן האט ר׳ נפתלי דערציילט פארן סאנזער רב די מעשה פון די גלח׳אישע קליידער און דעם פראסטאק. דער סאנזער רב איז זייער בארירט געווארן פונעם מעשה. האט ער זיך אנגערופן ״וועגן די מסירת נפש פאר די מצוה פון צדקה, ביסטו פארזיכערט א פלאץ אין גן עדן, נישט נאר דאס, אבער דו זאלסט הייסן פאר די חברא קדישא אז לאחר מאה ועשרים זאל מען דיך באגראבן אנגעטון מיט די גלח׳אישע קליידער. אזוי וועלן די מלאכי חבלה נישט האבן קיין שליטה אויף דיר.״ און אזוי איז עס טאקע געווען. יארן שפעטער ווען ער איז נסתלק געווארן איז ר׳ נפתלי באגראבן געווארן מיט די גלח׳אישע קליידער. און יעצט ווען זיי האבן אים מפנה געווען האבן זיי געזען אז די מלאכי חבלה האבן טאקע נישט געהאט קיין שליטה אויף אים, און ער איז געבליבן גאנץ און פריש.

מען קען אפלערנען פון דעם מעשה עטליכע זאכן. יעצט אבער וויבאלד אז עס קומט פאר דעם יום הדין, איז שייך צו לייגן דעם דגש אויף די מצוות שבין אדם לחבירו, וואס איז א חלק פונעם משפט אין ראש השנה. אויב מען האט באליידיגט יענעם, מוז מען אים איבערבעטן. ווייל דער משנה זאגט, ״עברות שבין אדם לחברו, אין יום הכפורים מכפר, עד שירצה את חברו.״ (יומא ח,ט) ד״ה, אפילו דער אייבערשטער איז גרייט מוחל צו זיין כביכול אויף זיין כבוד טאמער א איד טוט תשובה, איז דער אייבערשטער אבער נישט מוחל אויף א צווייטן איד׳ס כבוד, טאמער מען בעט יענעם נישט איבער.

דער יערות דבש ברענגט אז אלע מצוות בין אדם לחבירו זענען תלוי אויף אהבת ישראל. יעדער איד זאל זיין א ברודער אין אונזערע אויגן, ווייל מיר זענען אלע קינדער פון אברהם אבינו. כלל ישראל איז איין גוף מיט איין נשמה. (יערות דבש, דרוש ה, דף קטו, מהדורת ״אבן ישראל״) דורך פארמערען אהבת ישראל וועלן מיר אלע אי״ה זוכה זיין צו א גוט יאר. **גוט שבת אלע אידן.**

תזכור המגבית השנתית בא׳ סליחות למוסדות בירושלים עיה״ק צדקת רבי מאיר בעל הנס *** לשנה טובה וכוח״ט

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה